גוט שבת אלע אידן. דער מעשה די וואך איז געשען מיט בערך צוויי הונדערט יאר צוריק אין יוראפּ. ר' יעקב (זיין עכטע נאמען) איז געווען א חשובער תלמיד חכם אין שטאט. איין טאג ווען ר' יעקב איז געגאנגען אויפן גאס האט ער געזען א בחור באגלייטענדיג זיין עלטערע טאטע וואס איז נעבאך בלינד געווען. עס האט אויסגעקוקט אז די פאר אידן זענען געווען זייער ארעם און צובראכן. ר' יעקב האט שטארק רחמנות געהאט אויף די צוויי און ער דערפאר איז ער אריבערגעגאנגען צו זיי.

רב יעקב האט גלייך געזען אז זיי זענען טאקע געווען זייער ארעם, מיט צוריסענע קליידער וכו' נעבאך. עס האט אויך אויסגעקוקט אז זיי האבן נישט געגעסן קיין ריכטיגע מאלצייט אין א לאנגע צייט. ר' יעקב האט זיי איינגעלאדענט צו קומען צו אים אינדערהיים צו עסן א ריכטיגע סעודה. דער טאטע האט זיך שטארק געשעמט צו ווייזן אז ער איז טאקע הונגריג געווען, דערפאר האט ער אפגעזאגט דעם שיינעם פארשלאג פון ר' יעקב'ן. דער בחור האט אבער גלייך מסכים געווען ווייל ער איז זייער הונגריג געווען, און ער האט שוין נישט געשעמט הנאה צו האבן פון יענעם'ס חסד. נאך אפאר מינוט האט דער טאטע ב"ה מסכים געווען דערצו.

באלד זענען זיי אהיימגעגאנגען מיט ר' יעקב. אויפן וועג אהיים האט ר' יעקב גערעדט מיט זיי פרובירנדיג זיי באקוועם צו מאכן. דער טאטע איז געבליבן שטיל אבער דער בחור האט גערעדט אפענעהייט וועגן זייערע שווערע לעבן. דער בחור האט דערציילט ווי זיי האבן לײדער פארלוירן די מאמע אפאר יאר צוריק. און וויבאלד אז זיין טאטע איז נעבאך בלינד געווען, האבן זיי נישט געהאט קיין ריכטיג פרנסה.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו ר' יעקב'ס הויז האבן זיך גלייך אראפגעזעצט עסן. דער טאטע מיט זיין זון, וואס האט געהייסן "שלמה" (זיין עכטע נאמען) האבן געגעסן מיט א גוטן אפעטיט, וויבאלד זיי האבן נישט געגעסן געהעריג פאר א לאנגע צייט, ל"ע.

ר' יעקב איז שטארק איבערגענומען געווארן צו זען דעם צובראכענקייט פון דער איד מיט זיין זון, וואס איז געווען אזוי וואויל... נעבאך! אויפן פלאץ האט ר' יעקב פארגעשלאגען פאר די ארעמע אידן א געוואלדיגע געלעגענהייט: דער אלמן מיט דער יתום שלמה זאלן בלייבן וואוינען ביי ר' יעקב אין דער היים, און ר' יעקב וועט פארשאפן א מלמד פאר שלמה. שלמה'ס טאטע האט זיך פארשעמט און ער האט נישט געוואלט עס אננעמען.

דער בחור שלמה האט אבער געוויזן אויף זיין פנים גרויס התרגשות. אזא געלעגענהייט צו האבן א דאך איבערן קאפּ און נישט שלאפן אין דרויסן און האבן געהעריגע עסן און איבערהויפט צו קענען לערנען די הייליגע תורה! ב"ה האט דער טאטע סוף כל סוף מסכים געווען און די צוויי זענען געבליבן ב"ה ביי ר' יעקב'ן.

ר' יעקב האט זיך באשעפטיגט מיט די באדארפעניש פון די צוויי געסט טאג און נאכט. ער האט זיי זייער שטארק מחזק און מכבד געווען. שלמה האט שטארק הנאה געהאט פון דעם נייען מצב. שלמה ב"ה איז געבענטשט געווארן מיט זייער א גוטער קאפּ, און ער האט געדענק זייער אסאך גמרא אין א קורצע צייט. זיין התמדה איז געווען מורא'דיג שטארק ב"ה. צוזאמען מיט דעם האט שלמה ב"ה געהאט זייער גוטע מידות, דאס וואס ער האט מטפל געווען איז זיין טאטען דורך אלע יארן דורך אלע שוועריגקייטן, האט געמאכט שלמה א ריכטיגער בעל מידות!

אפאר יאר שפעטער איז שלמה'ס טאטע נפטר געווארן. שלמה איז נאך געווען א בחור, אבער זיין טאטע האט ב"ה זוכה געווען צו זענען ווי זיין זון איז געווארן א חשובער בחור, א שטיקל תלמיד חכם אפילו. יעצט אז זיין טאטע איז נסתלק געווארן, האט שלמה געקענט זיך איינגאנצן אריינטון אין דעם לערנען. ר' יעקב, דער חשובער גאסט–געבער האט אלעס אנגעקוקט מיט גרויס שמחה. אפילו אז שלמה איז נישט געווען זיין עכטע זון, האט ר' יעקב געשעפט אידישע נחת צו זען ווי שלמה איז אויפגעוואקסן אין זיין הויז.

דער "ר' יעקב" פונעם מעשה איז נישט געווען סתם א "יאקל," ער איז געווען ר' יעקב קראנץ זצ"ל, דער "דאבנער מגיד" זי"ע. און "שלמה" איז נישט געווען סתם א "שלמהלע," ער איז געווען דער באקאנטער תלמיד חכם רבי שלמה קלוגר פון בראדי זצ"ל דער בעל "חכמת שלמה!"

דער חפץ חיים זי"ע פלעגט דערציילן דעם מעשה צו ווייזן דעם כח פון טון חסד און העלפן אנדערע צובראכענע אידן. אמאל אין לעבן קען מען ארויסהעלפן א צווייטן איד פון א שווערע מצב, מיט אפילו טון נאר א "קליינע" חסד.

מיר לייענען וועגן דעם חשיבות פון געבן צדקה אין די היינטיגע פרשה. דער אייבערשטער באפעלט די אידישע קינדער צו ברענגען נדבות צו בויען דעם משכן. שפעטער אין פרשת ויקהל שטייט "מרבים העם להביא מדי העבודה למלאכה אשר צוה השם לעשת אותה...!" ד"ה די אידישע קינדער האבן צופיל געלט מנדב געווען פארן משכן (הלוואי אז אונזער בית מדרש וואלט געהאט דעם זעלבן פראבלעם!) עד כדי כך, אז משה רבינו ע"ה האט געדארפט הייסן אז זיי זאלן אויפהערן צו ברענגען! פון דא זעט מען אז די אידישע פאלק איז א פאלק וואס האט ליב צו געבן צדקה און טון חסד. עס שטייט טאקע אין די גמרא "...שלשה סימנים יש באומה זו: הרחמנים, והביישנין, וגומלי חסדים." (יבמות עט.) טון חסד פאר אנדערע איז דאך איינע פון די סימני כשרות פון א איד! גוט שבת אלע אידן.

יישר כחכם לכל אלה שהשתתפו בעין יפה לטובת מוסדנו החשוב "מרכז הכוללים דשיכון סקווירא" - השם יברך אתכם תמיד בכל טוב
מזל טוב למוה"ר יודל ליכטער שליט"א ולחתנו מוה"ר יעקב יוסף וואזנער שליט"א לרגל שמחת אירוסי נכדתו\בתו בשעטומ"צ
נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים • לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל
נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)